# דברי מוסר והתעוררות

## שהשמיע כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

**קביעות עתים לתורה בחבורה, ובבחינות מידי חודש בחדשו • האיסור בהשתמשות באינטערנעט בלי פילטער, ולהתרחק מחבורות המעסידזעס וואטס-עס וכדו׳ • התעוררות בעבודת התפלה, לנצל ימי השבת בתפלה ובשירות ותשבחות ובפרט בעת רעוא דרעוין**

## מתוך נעילת החג סוכות תשע״ה לפ״ק

**יוצא לאור ע״י מכון מעדני מלך וויען**

### קביעות עתים לתורה בחבורה, ולקיחת הבחינות מידי חודש בחדשו

**ב״ה**, רוב ציבור איז קובע עתים לתורה. תורה דארף דאך האבן חיזוק. היינט צוטאג ב״ה איז אין אלע קהילות דא וואס מ׳לערנט א געוויסע סדר, א געוויסע שיעור. ס׳איז דא וואס איז אויסגעשטעלט צו לערנען א בלאט גמרא, ס׳איז דא וואס איז אויסגעשטעלט א עמוד גמרא. ס׳איז א געוואלדיגע מעלה דער וואס איז זיך מתחבר צו איינע פון די שיעורים, ווייל ס׳איז קבוע אויף א סדר וויאזוי ער לערנט. אז ער פילט אז ער קען לערנען מער, קען ער זיך מחבר זיין צו א חבורה וואס לערנט מער, פילט ער אז ער קען נאר לערנען א קלענערע שיעור, זאל ער לערנען א קלענערן שיעור. ס׳איז ב״ה היינט דא אויך שיעורים אויסגעשטעלט מיט א סדר אויף הלכה, אויסער דעם וואס מ׳לערנט ש״ס. יעדער איינער וואס האט די מעגליכקייט, זאל זיך צושטעלן דערצו.

**ביי** אונז אין די קהלה איז אויך דא א חבורה ״ובהם נהגה״, מ׳הייבט יעצט אן מסכת ברכות. אין אדם לומד אלא במקום שלבו חפץ (עבודה זרה יט.), נישט יעדע מסכת האט א מענטש א חשק צו לערנען, צי ער האט עס לעצטנס געלערנט, ב״ה ס׳איז דא א גרויסע אויסוואל, ער קען נעמען סיי וועלכע מסכת פון וועלכע חבורה וואס ער וויל. ביי אונז אין ביהמ״ד לערנט מען ובהם נהגה, וואס מ׳האט שוין מסיים געווען מערערע מסכתות, יעצט הייבט מען אן פריש אויפ׳ן סדר, מסכת ברכות. איך בעט פון אלע אונזערע יונגעלייט וואס דרייען זיך דא אין ביהמ״ד, אויב ער האט נישט קיין סיבה צו לערנען א צווייטע מסכת, איז עס א געוואלדיגע חיזוק פאר די חברים ארום און ארום, ווי מער ס׳איז דא וואס לערנען די מסכת, דאס טוט מחזק זיין א צווייטן וואס האט זיך נאכנישט צוגעשטעלט דערצו, ער זאל זיך אויכעט קובע זיין צו לערנען. און אז מ׳לערנט דעם זעלבן ענין, נאכדעם שמועסט מען איינער מיטן צווייטן פון וואס מ׳האט געלערנט, נישט קיין דברים בטלים אדער זאכן וואס מ׳דארף נישט.

**לעצטנס** האט מען מוסיף געווען, מ׳פארהערט זיך וואס מ׳האט געלערנט. אסאך מאל מיינען יונגעלייט ס׳איז זייער שווער צו נעמען אויף זיך אזא עול. מ׳דארף עס פרובירן, וועט מען זעהן אז ס׳איז גארנישט אזוי שווער איבערצו׳חזר׳ן די פאר בלאט במשך פונעם חודש, ס׳איז נישט אזוי שווער, אויסער די מתן שכרו בצידו. ווען א מענטש לערנט מיט א חשבון אז ער דארף זיך פארהערן שפעטער דערויף, איז זיין לערנען אן אנדערע סארט לערנען, ווייל בשעת ער הערט דעם שיעור האט ער א עול צו צולייגן דעם קאפ ער זאל קענען וואס מ׳לערנט, און נאכדעם טראכט ער דעם גאנצן טאג אין לערנען!. ווען מען האט א עול צו חזר׳ן, איז נישט נאר געלערנט די שעה אין ביהמ״ד, נאר ווי ער גייט נאכדעם, אין גאס, אין די געשעפטן, האט ער אויפן קאפ איך מוז

**איבערגעיין נאכאמאל וואס איך האב געלערנט און דאס איבערחזר'ן, ער באקומט א געוואלדיגע התמדת התורה. זיין מחשבה איז נישט קיין ליידיגע מחשבות, מ'גייט ארום מיט תורה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, דאס איז די איינציגע זאך וואס מיר האבן היינט אקעגן דעם יצר הרע.**

*

## האיסור להחזיק כלי האינטערנעט בלי פילטער

**סור** מרע ועשה טוב, מ'קען נישט צוקומען צו עשה טוב, קודם מוז זיין סור מרע. היינט איז א חורבן מיט די כלים וואס ס'איז דא. איך לאז נישט ארויס א געלעגנהייט פון מעורר זיין אויף דעם. עס איז דא די איסור'דיגע כלים, א כלי וואס האט נישט אויף זיך קיין פילטער, מ'האט שוין גערעדט מערערע מאל, **איינער וואס האט נישט קיין פילטער, איז ער א מומר לדבר אחד מן התורה. ער נעמט א לאו אין די תורה און ער רייסט עס ארויס!. מיר זענען נישט קיין צדיקים, מיר זענען נישט קיין בינונים, נאר אנשים פשוטים, יעדער קליינע נסיון וואס מען האט פאלט מען ליידער אדורך, און אויב ער האט נישט קיין גדרים וסייגים וועט ער אדורכפאלן, אז מ'איז אדורכגעפאלן ליגט זיין קאפ שקוע אין מ"ט שערי טומאה. א איד דארף האבן ריינע כלים, אָן אינטערנעט, וויפיעל ער דארף האבן אפען לצורך פרנסה, האט מען נישט קיין ברירה, אבער ס'מוז האבן א געהעריגע פילטער, נישט קענען צוקומען אויסער די חלקים פאר פרנסה וואס ער דארף צו האבן. איך מיין איך האב שוין אזויפיל גערעדט אז יעדער ווייסט דערפון.**

## להתרחק מחבורות המעסידזעס שקורין וואטס-עפ וכדו'

**איך** וויל אבער רעדן פון די כלים וואס האבן יא א פילטער, מיט אלעם ברענגט עס אסאך 'ביטול תורה', די אלע וואס זענען פארבינדן מיט גרופס, אדער איינער צום צווייטן, מ'הערט יעדן'ס נארישקייט, יעדן'ס שטותים, וואס יענער האט ארויפצולייגן, וואס יענער מיינט אז ס'איז גוט, שיקט ער ארום פאר אלע זיינע חברותות. וואס דארפסטו וויסן וואס ס'טוט זיך ביי יענעם אין שטוב?, ווי ער איז געגאנגען ווי ער איז געקומען?, און פריוואטע זאכן פון יענעם.

**מען דארף ליגן אין תורה, פארוואס קומט מען אויף די וועלט? מען האט א תפקיד אויפצוטוען. דער תכלית פון די וועלט איז, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, ימי שנותינו בהם שבעים שנה, דאס גאנצע לעבן נעמט נישט לאנג, ס'גייט זייער שנעל אדורך, אשרי מי שעמלו בתורה, ווער ס'איז ממלא זיינע יארן מיט תורה ומעשים טובים, אויסנוצן יעדע מינוט וואס מ'האט. מ'איז עוסק אין פרנסה מ'האט נישט קיין ברירה, א מענטש דארף טוען וואס ער דארף צו טוען, אבער זיין פרייע צייט וואס ער האט, דארף מען זיין פארנומען מיט יענעם'ס נארישקייטן מיט יענעם'ס שטותים?. אין די צייט זיץ און לערן, כאפ אריין נאך א בלאט גמרא, כאפ אריין נאך א מצוה, זיי עוסק אין א דבר מצוה, זיי עוסק בצרכי ציבור. ס'איז א שאד פאר יעדע מינוט אוועקצוגעבן פון לעבן.**

**דער** יצר הרע האט אויפגעשטעלט אזא סיסטעם וואס ציט אריין דעם מענטש בעל כרחו דערין, מען האט א טעלעפאן וואס קען איבעראל אנקומען, דו דארפסט עס האבן פאר דיין פרנסה, אבער זייטיגע זאכן וואס טוט נאר אוועקנעמען דעם קאפ צו שטרעבן אין תורה, וואס דארפסטו עס האבן?, פארוואס קענסטו נישט לעבן אן דעם?, אונזערע אבות האבן געקענט לעבן אן דעם, און זיי האבן טאקע געהאט צייט צו לערנען, זיי האבן געהאט צייט צו דינען דעם אייבערשטן. מ'דארף אויסנוצן די צייט, דאס לעבן פונעם מענטש איז פארגענגליך, און מ'דארף עס אויסנוצן פאר תורה און מצות.

**יעדער איינער ביי זיך ווייסט דאך נגעי נפשו, זיך אפהיטן צו האבן נאר א ערליכע כלי מיט א פילטער דערויף, און אפילו ווען מ'האט א פילטער, אפהאקן דערפון חברותות וואס מ'דארף נישט האבן. אסאך מאל איז דאס געמיינע חברותא, אסאך מאל מיינט מען אז יענער איז גוט, איין ווארט וואס יענער ווארפט נאר אריין, און שיקט עס ארויס מיט א מעסידזש, אויב יענער איז א קל און יענער פארשטייט נישט דעם חומר הענין, פלאגט מען זיך נאכדעם מיט ערליכקייט און אידישקייט!. וואס פעלט עס דיר אויס?, ואל תביאנו לידי נסיון. מ'בעט עס יעדן טאג, ברענג מיך נישט צו קיין נסיון, און צום סוף ברענגט ער אליין אויף זיך דעם נסיון.**

## אין הקב"ה משרה ברכתו בבית שמצוי שם טומאה

**אז** מען האט מיט זיך נישט קיין ערליכע כלי, קען דען זיין א ברכה אין די שטוב?. ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, שטייט בפירוש אין פסוק, אין א שטוב ווי ס'איז דא ערות דבר איז דער רבוש"ע נישט דארטן!, וויאזוי קען דיין געשעפט ברענגען פרנסה, ווי קענסטו האבן הצלחה אין א געשעפט וואס דער רבוש"ע זאגט איך וויל נישט זיין דארטן. דו שטעלסט זיך דאווענען, האסט א כלי אין טאש וואס דער אייבערשטער גייט אוועק פון דיר, ושב מאחריך, מ'טוט זיך אליין אפהאקן. וויפיל נסיונות האבן מיר היינט פין די גאס, מוז מען נאך אריינברענגען דעם נסיון צו זיך אין טאש אריין?

**ס'איז** היינט זייער שווער מיט חינוך הבנים, אויף צו שטעלן ערליכע קינדער ערליכע דורות, ווען א קינד זעהט כאטש ביים טאטען אז ער איז אפגעהיטן, איז דא צו האפן אז דאס קינד וועט בלייבן אן ערליך קינד, ווען דיין קינד זעהט אויף דיר וויאזוי דו פירסט זיך, פארוואס זאל דאס קינד דאס נישט נאכמאכן, ווי איז דער שכל פונעם מענטש?. און ווען דיין קינד וועט עס נאכטוען, וועט ער גיין אסאך אסאך ווייטער פון דעם וואס דו טראכסט. מ'דארף צו לייגן קאפ און שכל אפהיטן זיך פון אלע זאכן וואס ברענגען א מכשול.

*

## איזהו עבודה שבלב זו תפלה

**תפלה**, דאווענען, אין דעם דור האבן מיר נישט עפעס אנדערש נאר תפלה. אלעס וואס א איד דארף האבן איז אין די הענט פונעם רבוש"ע. אלעס וואס איז נוגע צו זיין פרנסה, צי זיין שטוב, צי נחת פון קינדער, זיינע פריוואטע זאכן, אלעס איז אין די הענט פונעם רבוש"ע!. אז מ'בעט פונעם אייבערשטן, דער אייבערשטער געט אלעס. דער באשעפער איז א שומע תפלה, אבער מ'דארף בעטן, מ'דארף מתפלל זיין, די תפלה דארף זיין רחמים, נישט ער זאל אריינקומען אין ביהמ"ד יוצא זיין, אראפגעווארפן פון זיך דעם עול פון תפלה. דאווענען איז טייטש כל עצמותי תאמרנה, דאווענען מיט א געפיל, ליגן אין די ווערטער, בשעת מ'דאווענט דארף מען זיין אפגעזונדערט פון אלעם ארום און ארום, נאר אינזינען האבן די ווערטער פון די תפלות.

**טעמו וראו כי טוב. שטעל זיך דאווענען מיט א מנין, וואס דאווענט מלה במלה, און נאכדעם ארויסגיין צו די ארבעט, וועסטו שפירן דעם גאנצען טאג א דביקות אינעם אייבערשטן, מען וועט פילן אז ער איז מחובר צום באשעפער, און אז דער באשעפער שטייט אים צו הילף. נעם דיר צייט אויף צו דאווענען מלה במלה, זיך קובע זיין צו אזא מנין ווי מ'דאווענט שטאַט, ווי מ'דאווענט געהעריג ווארט ביי ווארט.**

**יעדן טאג איז נאך דא א שטיקעלע זכות, מ'דארף דאך ארויסגיין צו די ארבעט. עס קומען די הייליגע שבתים, מ'ארבעט נישט, מ'האט גענוג צייט, פארוואס דארף מען פארפעלן שבת אינדערפרי ווען מען הייבט אן. פארוואס קומט מען שפעט,** ס'איז דא צייט גענוג, זעקסע זיבענע איז שוין נאכט, ביז צום דאווענען איז דא צוועלף שעה, מ'קען זיך אויסשלאפן, מ'קען נאך לערנען, קענסט אלעס טוען, און צום דאווענען זיין ביי צייטענס. בשעת'ן דאווענען זאל זיין די קאפ אין די תפלה, איין טאג אין דערוואך זאל א מענטש נישט דאווענען ווי ס'דארף צו זיין. פארוואס זאל ער נישט אויסנוצען דעם שבת ס'זאל זיין קודש לה', צו דאווענען פאר'ן רבוש"ע ווי מ'דארף צו דאווענען?

*

## לנצל השעה של סעודת שלישית
## לזמר שירות ותשבחות ושמיעת דברי תורה

**שלש סעודות, אין לך אדם שאין לו שעה, יעדער איד דארף האבן א שעה אין דער וואך צו הערן מוסר, א שעה אין דער וואך וואס ער קען טראכטן פאר זיך, איבערגיין אלע זיינע מעשים פון די גאנצע וואך, טראכטן א מהלך אויף די קומענדיגע וואך. מ'זיצט ביי שלש סעודות, מ'זינגט זמירות פאר'ן אייבערשטן, מ'האט צייט צו טראכטן, דארף א איד זיך צו כאפן צו די שעה, און וויסן אז דאס איז די חשוב'סטע שעה אין זיין גאנצע וואך, א שעה וואס ער האט אפגעזינדערט פאר א חשבון הנפש, ער זיצט ביי שלש סעודות. ער דארף זיך קובע זיין אזא מקום ווי מ'קען הערן מוסר און מ'קען הערן דברי תורה, זיך נישט ארומדרייען, נאר האבן א מקום קבוע ווי ער זיצט, מיטזינגען די זמירות, אויסהערן דברי תורה, וועט ער פילן נאכדעם אז די גאנצע וואך וועט זיין ביי אים אן אנדערע וואך.**

*

## אין לך דבר שעומד בפני הרצון

**דער** עיקר איז דער רצון, אין לך דבר שעומד בפני הרצון, ווען א מענטש וויל באמת, קען ער אלעס אדורכפירן, ער קען טוישן זיין גאנץ התנהגות, ער דארף נאר האבן א אמת׳דיגע רצון דאס אדורצוגיין. עס קען זיין אז דאס איז דער ענין, פארוואס מ׳עסט עפל אנהייב יאהר ראש השנה, און מ׳איז מסיים יום טוב אויבעט מיט עפל. די גמרא (שבת פח.) זאגט דאך, כתפוח בעצי היער כן דודי בין הבנים (שיר ב-ג), א תפוח איז פריו קודם לעליו, קודם קומט די פרי, און נאכדעם קומען די בלעטער. יעדע בוים וואקסט קודם די בלעטער און נאכדעם קומט די פרי, און ביי תפוח איז נישט אזוי, קודם איז די פרי און נאכדעם קומט די בלעטל. אידן האבן געזאגט נעשה פאר נשמע, וואס געוועגליך איז דער סדר פון א מענטש קודם קומט נשמע, לאמיר הערן וואס מען וויל, און נאכדעם וועלן מיר זאגן נעשה, די אידן האבן געזאגט קודם נעשה. ווייל אז מען וויל זיין א איד, מוז מען קודם זאגן נעשה. אויב ער הייבט אן קודם צו מאכן חשבונות, נשמע, מיר וועלן הערן און נאכדעם וועלן מיר זעהן צו קען מען עס אויספירן צו נישט, קומט מען נישט אן אין ערגעץ. ווייל דער יצר הרע האט שוין זיינע וועגן וויאזוי צו מאכן פאר׳ן מענטש אומבאקוועם דעם דרך התורה. א איד דארף קודם זאגן נעשה, איך בין מקבל אויף מיר איך גיי אזוי טוען, און נאכדעם וואס איך וועל האבן די קבלה, וועט דער רבוש״ע צו פירן אלעס ארום און ארום אז איך זאל קענען אזוי טוען.

**קודם בין איך מקבל אויף מיר אז איך נעם אראפ א שעה פאר לימוד התורה, א שעה פאר תפלה במתינות, איך נעם אראפ וואס איך דארף נישט אויף מיין אינטערנעט, און נאכדעם וועט מען זעהן וויאזוי איך קען עס אויספירן, וויאזוי קען איך מסדר זיין די פרנסה, וויאזוי קען איך מסדר זיין דעם שיעור, וויאזוי ער קען מסדר זיין אלע אנדערע ענינים. ס׳מוז קודם זיין דער ׳נעשה׳ און נאכדעם קען קומען דער ׳נשמע׳!, מיט א אמת׳דיגע רצון פאר דעם נעשה וועט זיין דער נשמע שפעטער אויבעט.**

**דאס** איז די עבודה אנהייב פון די הייליגע טעג, און בשעת מ׳גייט אוועק פונעם יום טוב, נעם דיר פאר איך וויל זיין ערליך דעם ווינטער, תפוח איז פריו קודם לעליו, קודם קומט די נעשה, איך בין קודם מקבל אויף מיר וואס איך דארף טוהן, וויאזוי מ׳וועט דאס אויספירן הלכה למעשה דאס וועלן מיר זעהן שפעטער, אבער די קבלה פין נעשה דארף זיין ביי א מענטש בשלימות.

*

**גלוי** וידוע לפניך שרצונינו לעשות רצונך, יעדער איד איז פול מיט רצון מיט א הייליגע הרגשה צום רבוש״ע. די הייליגע טעג גייען אוועק, ס׳לאזט איבער אויף א מענטש אזא רושם ס׳לאזט זיך גארנישט זאגן, איינער פילט עס מער און איינער פילט עס ווייניגער, אבער יעדער גייט ארויס פון דעם יו״ט מיט א דערהויבענקייט וואס ער האט נישט געהאט פון פריער. אבער די שאלה איז, צי ער וויל דאס אויך מיט נעמען אויפן ווינטער, מיטצונעמען די הרגשה וואס ער האט יעצט אויף דעם גאנצן יאר נאכדעם. **און פירן זיך אויף דעם וועג וויאזוי מ׳האט געטראכט יום הקדוש ביינאכט, וויאזוי ער האט געטראכט ראש השנה, וויאזוי מ׳האט געדינט דעם אייבערשטן מיט א שמחה אין די טעג פון סוכות, דאס זאל מען מיטנעמען מיט זיך.**

**אז** א איד וועט אויף זיך מקבל זיין עול תורה, איז מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ. דער אייבערשטער וועט אראפנעמען אלע אנדערע עול׳ס וואס ס׳איז דא אויפן מענטש, עטץ וועטס אלע האבן א גוט געבענטשט יאר, א פרייליך יאר, א לוסטיג יאר, בני חיי ומזוני רוויחא, נחת פון די קינדער, פרנסה בכבוד, מ׳זאל קענען דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב, דער עיקר זאלן מיר זוכה זיין דאס יאר זאל זיין א שנת גאולה וישועה בביאת משיח צדקנו בב״א.